# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת ויקהל תשפ"ה שנה י | גליון מס' 574

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

## די זכות פון מחשבה

**"כָּל אִישׁ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר נָדַב לִבָּם אֹתָם לְהָבִיא לְכָל הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשׂוֹת בְּיַד מֹשֶׁה הֵבִיאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל נְדָבָה לַה'"** (לה כט)

**א שיינער בחינה אויף די וואכעדיגע סדרה זאגט רבי משה ליב ליטש ראזנבוים א תלמיד פון דער הייליגער חתם סופר:**

ער שטעלט זיך אויף די פסוק פון **כָּל אִישׁ וְאִשָּׁה** און איז מסביר מיט א דערהער וואס ווערט געברענגט אין ספר החסידים [תקג] אז עס מאכט זיך אסאך מאל אז מען דארף בויען א שול אין א שטאט און אסאך ווילן עס בויען און עס קומט איינער און זאגט אז ער וויל בויען אלעס פון אנהייב ביז צום סוף ווייל ער וויל אז די זכרון פון דער שול זאל גיין נאר פאר אים און פאר זיינע קינדער.

דער ספר החסידים דערציילט איבער אזא פאל און זאגט אז עס האט זיך געענדיגט זייער ביטער ביי דעם איד און עס איז ליידער געווען 'כלה זרעו'.

אויך דא ביי דער משכן איז זיכער געווען אזעלכע וואס האבן געוואלט נעמען אויף זיך די גאנצע בויעריי אבער הקב"ה האט געוואלט אז יעדער איד זאל האבן א חלק אין איר.

אבער טראץ וואס זיי האבן נישט געקענט אויספירן זייער מעשה בפועל האבן זיי אבער געקענט אויספירן זייער מעשה במחשבה און באקומען שכר אויף איר.

די בחינה איז מרומז דא אין פסוק: "כָּל... אֲשֶׁר נָדַב לִבָּם אֹתָם לְהָבִיא לְכָל הַמְּלָאכָה..." - יעדער וואס האט געוואלט מנדב זיין די גאנצע משכן אפילו אז בפועל האט ער נישט געקענט אויספירן: "הֵבִיאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל נְדָבָה לַה'" - ווערט עס גערעכענט ווי ער האט עס געמאכט בפועל און ער וועט באקומען שכר אויף דעם.

מיט נאך א בחינה געט צו פארשטיין **רבי אליעזר דוד פרידמאן** - דער רב פון די שטאט סאטמאר די בחינה וואס מיר זען דא אין די וואכענדיגע פרשה. עס גייט על פי וואס רש"י איז מפרש (סוטה מ א ד"ה על) די לשון החתימה וואס מען זאגט ביי די תפילה פון "מודים דרבנן": מען ענדיגט עס צו "על שאנו מודים לך" ווי עס באציט זיך צו די אנהייב פון די תפילה "מודים אנחנו לך" אז מיר דאנקען הקב"ה: "מודים אנחנו לך" אויף דער עצם זאך אז מיר קענען דיר דאנקען און זיין דבוק אין דיר.

די זעלבע זאך איז דא אויך ביי די משכן - נאך דעם וואס כלל ישראל האט געקענט ברענגען א נדבה "אֲשֶׁר נָדַב לִבָּם אֹתָם" האבן זיי געדאנקט הקב"ה אז ער האט זיי מזכה געווען מיט'ן זיך משתתף זיין בבניין המשכן.

'אמרות ה"; 'קרן לדוד'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## די תפילה איז ברומו של עולם

די וועלט אין וואס מיר לעבן איז א באהאלטענער וועלט. דא אויף די וועלט זעט מען נישט די אמת'ע ערך פון א זאך. אסאך זאכן וואס זענען באמת וויכטיג און באדייטפול איז אויף די וועלט נישט וויכטיג און זעט אויס קליינ'גקייטן ווען באמת זענען זיי גרויסע זאכן.

חז"ל רעדן וועגן דעם און דרוקן זיך אויס זייער שארף דערוועגן. עס איז באקאנט די גמרא אין [ברכות ו.ב] אויף דער פסוק אין תהלים (יב ט): "כֻּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם". די גמרא דרשנ'ט דער פסוק "כֻּרֻם" עס איז דא זאכן וואס שטיין 'ברום' העולם און דאך איז עס איז "זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם" איז עס ביליג ביי מענטשן אין די אויגן.

די ביישפיל וואס רש"י נוצט אויפ'ן ארט איז 'תפילה' אז עס שטייט ברומו של עולם און מען איז מזלזל אין איר.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין תפילה וועט מען זען אז זי האט א גרויסער כח. דורך תפילה ווערט א איד מחובר מיט'ן בורא עולם, די תפילה איז די כלי וואס טוישט א מענטש אויף אייביג, עס איז ממשיך ישועות פאר אידן, אבער דאך האט דער מענטש נישט גענוג הערכה פאר איר, ווי ער וואלט ווען געדארפט האבן.

עס קען זיין אז אין די ווערטער פון חז"ל איז אויך דא א רמז צו דער 'אמן' ווייל דער 'אמן' איז א שטארקער חלק פון דעם דאווענען.

ווען א איד זאגט אן אמן ווערט פון די 'אמן' באשאפן א מלאך און דער מלאך קומט צו דער מענטש און ער העלפט אים דאווענען אבער דאך איז דא אזעלכע וואס זענען מזלזל אין איר.

שטיינדיג אין די וואכן ווען מען לערנט איבער די מלאכת המשכן שטייט פאר אונזערע אויגן די ווערטער פון דער פריערדיגער מקובל רבי אהרן הזקן מקארדינא. אין זיין ספר 'אגרת הטעמים' האט ער א ברייטע שמועס איבער די מעלה פון 'אמן'.

ער איז מאריך צו רעדן איבער די גרויסקייט פון 'אמן' אבער איין זאץ שטארט ארויס פון אלע זאצן און דאס איז דער זאץ: **"איזהו מקומה של אמן? קודש קדשים!!"**.

ווען דער מקובל וויל ארויסגעבן ווי שטארק און ווי הייליג דער 'אמן' איז נוצט ער זיך מיט די ווערטער 'קודש הקדשים' די העכסטע און די הייליגסטער ארט וואס איז דא ביים כלל ישראל.

איך האב אינזינען געהאט אז מען קען צושטעלן צו זיינע ווערטער דער פסוק אין תהלים [סח. לו] "נורא אלקים ממקדשיך" - ווייל דאס איז ראשי תיבות, א רמז אז די קדושה פון אן אמן איז ווי די קדושה פון בית המקדש.

היינט צוטאגס אז מיר האבן נישט קיין בית המקדש האבן מיר איין זאך וואס דערמאנט די בית המקדש און דאס איז דער 'אמן' וואס איז "קדש קדשים".

עס איז קלאר אז ווען אידן וואלטן זיך מתבונן געווען און משיג געווען די גדלות פון אן אמן וואלטן זיי נישט מוותר געווען אפילו אויף איין 'אמן'.

מיר וועלן אויפשטיין יעדן טאג און קומען אין שול אריין און ענטפערן 'אמן' און אזוי ארום וועלן מיר מוכיח זיין הלכה למעשה אז מיר זענען מייקר דער אמן און מיר אנערקענען אין איר מורא'דיגע מעלה און ווייסן אז זי איז אזוי גרויס, אז איר דרגה איז 'קדשי קדשים'.

מיט א קריאה פון "נורא אלקים ממקדשך"

שבת שלום,

יעקב דוב מארמערשטיין


ברכות השחר כהלכה

בקול בכונה בחברותא

צי איז אייך שוין אויסגעקומען צו זען אמאל ווי א גרופע פאליציי' לייט שטיין ארום א איד און הערן אויס ווי דער איד מאכט די ברכה "אשר יצר"? אבער געווי' דאס האט פאסירט מיט יארן צוריק.

די מעשה האט זיך אפגעשפילט אין

געציילטע מינוטן האט די ברכה גענומען, יעדער ווארט איז געזאגט געווארן מיט א מתינות, עס איז געווען א מחזה פלא צו זען ווי אזוי' די פאליציאנטן לויפן נישט אוועק, זיי בלייבן שטיין נעבן אים און הערן אויס יעדע ווארט.


די אלטע באן סטאנציע אין ירושלים עיה"ק

ירושלים עיה"ק. אין יענער צייט האט זיך באן סטאנציע אין ירושלים עיה"ק אנגעפולט און צענדליגע אידן זענען ארויף אויף די באן ריכטנדיג זייערע טריט צו די שטאט חיפה.

צווישן מערערע רייזענדער האט זיך אויך דערקענט א גרופע פאליציי' לייט וועלכע האבן אויך געמאכט זייער וועג קיין חיפה.

צווישן די גרויסע געטומעל האבן וויניגער צוגעלייגט קאפ צו דער עלטערער איד וואס איז ארויף אויפ'ן באן אין יענע מינוטן, דער איד איז געווען נישט קיין צווייטער ווי דער באר'ימטער צדיק וגאון רבי אליהו לאפיאן זצ"ל.

בימים ההם האט דער גאון געדינט אלץ דער משגיח אין די 'כפר חסידים' געגענט פון חיפה און ער האט געמאכט זיין רייזע פון ירושלים קיין חיפה.

די באן האט געגעבן איר לעצטער פייף, א צייכן אז זי לאזט זיך ארויס פון ירושלים קיין חיפה ווען מיטאמאל האט איינער פון די פאליציאנטן געשפירט ווי א איד לייגט א ווייכע האנט אויף זיין פלייצע. ער האט זיך אויסגעדרייט צוזען ווער ער איז זעענדיג אז פאר אים שטייט נישט קיין צווייטער ווי דער גרויסער גאון.

דער פאליציאנט האט נישט געהאט קיין אנונג ווער דער איד איז אבער זיין געשטעלט האט עדות געזאגט אז ער איז א חשובער איד און ער האט אים רעספעקטירט.

"איך דארף מאכן א ברכה אשר יצר - אפשר קענסטו בעטן די פאליציאנטן זאלן זיך צוזאמענעמען און שטיין נעבן מיר און ענטפערן 'אמן' אויף די ברכה.

די ספאנטאנישע רעאקציע פון דער פאליציאנט איז געווען צו זאגן ניין אבער קעגן די בקשה פון אזא חשובער איד האט ער נישט געקענט זאגן ניין און מיט אן ערליכקייט האט ער אויסגעפאלגט זיין באפעל.

נאר ווען אלע פאליציאנטן זענען שוין געשטאנען אויף איין ארט האט דער גאון אנגעהויבן זאגן די ברכה. ווארט ביי ווארט, מיט א קלארקייט, מיט א ריינקייט, האט ער אנגעהויבן זאגן די ווערטער.

די פאליציאנטן זענען געווען גערירט, פון זיי איז געווען עטליכע וועלכע האבן צום ערשטן מאל אין זייער לעבן געהערט א ברכה. אנדערע האבן שוין יא געהאט געהערט א ברכה, אבער די ברכות וואס זיי האבן געהערט איז נישט געווען מיט אזא כוונה, מיט אזא ברען.

מילה במילה האט דער צדיק געזאגט די ברכה אריינברענגענדיג אין די פאליציאנטן א התעוררות, א געפיל אז אויך זיי זאלן מיטשפירן די התעוררות, די ווערטער, די גרויסע שבח והודיה וואס יעדער איד האט פאר הקב"ה.

געציילטע מינוטן האט די ברכה גענומען, יעדער ווארט איז געזאגט געווארן מיט א מתינות, עס איז געווען א מחזה פלא צו זען ווי אזוי' די פאליציאנטן לויפן נישט אוועק, זיי בלייבן שטיין נעבן אים און הערן אויס יעדע ווארט.

ווען די ברכה איז אנגעקומען צו איר ענדע האבן אלע ספאנטאניש געגעבן א שריי אויס "אמן".

די מעשה איז געווען א קידוש שם שמים ביי די פאליציי' אבער נאך וואונדערליכער איז געווען דער צושטימונג און די רעספעקט וואס די פאליציאנטן האבן אים געגעבן.

"נאר פון הערן ווי אזוי' דער רב מאכט א ברכה קען מען באקומען א הרהור תשובה". האט איינער פון די פאליציאנטן געזאגט פאר'ן רב.

אבער די מעשה ענדיגט זיך נישט דא.

א שטיק צייט איז פארביי ווען פלוצלונג שפירן די רייזענדער ווי דער באן האט געמאכט א האסטיגער אפשטעל.

"וואס האט פאסירט?" האבן די רייזענדער געוואלט וויסן.

עס האט נישט געדויערט לאנג און מען איז דערגאנגען דעם סוד. אויף די באן שינעס איז געלעגן אויסגעלייגט א באמבע און עס האט געדארפט אויפרייסן אין די רגע וואס מען פארט ארויף אויף איר, אבער בחסדי שמים האט עס דער קאפיטאן באמערקט אין די לעצטע מינוט און אפגעשטעלט דער באן.

יעצט האט יעדער פארשטאנען אויף צוריקצוועגס די שריט פון דער צדיק. וויסנדיג אז א סכנה לויערט אויף די רייזענדער האט ער זיי געוואלט מזכה זיין מיט א זכות אז די זכות זאל מגין זיין אויף זיי און מציל זיין די רייזענדער פון א זיכערער אומגליק ה"י.

ספר 'לב אליהו' ח"א עמ' 51

# גדול העונה

## 'אמן' - איז משפיע רחמים וחסדים

אין דער ספר המפואר פון רבי שלמה מולכו הי"ד ערקלערט ער די ווערטער פון חז"ל [ברכות נג. ב] אז גדול העונה יותר מן המבורך.

פארוואס טאקע איז דער עונה גרעסער ווי דער מברך.

ער זאגט אויף דעם א שיינער בחינה, כידוע באטרעפט 'אמן' כמנין די צוויי שמות "הויה" און "אדנות".

מיר ווייסן אויך אז דער שם "הויה" ווייזט אויף מידת הרחמים און דער שם "אדנות" אויף מידת הדין אבער דא איז זיך דער 'רחמים' מתגבר אויפ'ן 'דין' און איז אים מבטל.

עס קומט אויס אז דורך דער 'אמן' וועלכע איז א שילוב פון די צוויי שמות איז מען ממשיך די מידת הרחמים אויפ'ן כלל ישראל און מען איז מבטל די מידת הדין.

מהאי טעמא איז דער 'עונה' גרעסער ווי דער 'מברך' ווייל דער 'מברך' האט נישט דער כח פון מבטל זיין די מידת הדין.

די בחינה איז אויך מרמז אין דער ווארט 'אמן'. אז מען וועט מיטרעכענען די מילו פון דער שם 'אמן' [אל"ף מ"ם נו"ן] וועט עס באטרעפן 297. דאס איז די זעלבע גימטריא פון די ווארט "ברחמים" מיט די צירוף פון די דריי אותיות פון דער ווארט 'אמן'.

רבי שלמה לייגט צו אז דער גרויסער כח פון דער 'אמן' קען מען אויך ארויסלערנען פון די ענטפער וואס הקב"ה האט געגעבן צו די ברכה פון רבי ישמעאל בן אלישע.

די גמרא דערציילט (ברכות ז א): "פעם אחת נכנסתי להקטיר קטורת לפני ולפנים... ואמר לי [הקדוש ברוך הוא]: ישמעאל בני, ברכני. אמרתי לו: יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך ויגולו רחמיך על מדותיך, ותתנהג עם בניך במדת הרחמים ותכנס להם לפנים משורת הדין, ונענע לי בראשו".

רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס אז דער נענע את ראשי איז ווי אן אמן און ווי דער לשון פון רש"י אויפ'ן ארט איז "כמודה בברכתי **ועונה אמן**".

מען זעט פון די גמרא אז די הסכמה פון הקב"ה צו די בקשה פון רבי ישמעאל אז הקב"ה זאל מגביר זיין די מידת הרחמים אויף די מידת הדין איז געקומען מיט אן 'אמן'.

דאס איז א רמז צו די דערמאנטע בחינה אז דורך 'אמן' ווערן די דינים נמתק און עס קומט ארויס פון איר א זכות און עס איז זיך מתגבר די מידת הרחמים אויף כלל ישראל.

('ספר המפואר' סוד עניית אמן וברוך אתה).

## 'אמן' - אן עדות אז השי"ת איז שולט בכל

נאך א טעם פארוואס דער 'עונה' אמן איז גרעסער פון דער 'מברך' פון די ברכה זאגט **דער מפרש רבי מנחם ריקאנטי** איז ווייל 'אמן' איז די זעלבע גימטריא ווי די ווערטער: "היה והוה (להשאיר כתיב חסר) ויהיה - אחד".

עס קומט אויס לויט דעם אז ווען א איד ענטפערט 'אמן' איז ער מיט דעם 'אמן' מייחד הקב"ה אויף די גאנצע בריאה, ער רופט אויס מיט דעם אז ער גלייבט אז השי"ת איז א "היה" - אז ער איז נאך געווען פאר בריאת העולם און ער איז אים מקיים "הווה" אז ער איז יעצט דא און ער איז מעיד אז ער איז א "יהיה" אז ער וועט זיין אויך נאך דעם וואס ער די וועלט וועט צוריקגיין לתוהו ובהו.

לויט דעם קומט אויס אז ווער עס ענטפערט אמן איז מודה אין דער בורא יתעלה ויתברך אז ער איז געווען קודם בריאת העולם און אז מיט זיין רצון איז ער מקיים די וועלט און וועגן דעם איז אזוי גרויס זיין כח מער ווי די כח פון דער 'מברך'. (פירוש הריקאנטי בשלח און זעה אין 'בית תפלה' [לבעל 'מטה אפרים'] פרק טו אז ער ברענגט אראפ די פירוש און ער זאגט אז די פירוש איז די ריכטיגע פירוש).

## אן 'אמן' איז א דאפעלטע ברכה

א שיינער דערהער פארוואס דער 'אמן' איז גרעסער פון דער וואס מאכט די ברכה טרעפט מען אין די פוסקים.

זיי געבן צו פארשטיין אז אינדערצייט וואס דער וואס מאכט די ברכה האט נאר די זכות פון א ברכה האט דער 'עונה' אמן א דאפעלטער פארדינסט.

לויט דער כולל וואס חז"ל שטעלן אוועק (סוכה לח ב): אז "שומע כעונה" קומט אויס אז דער וואס ענטפערט 'אמן' איז אזוי ווי ער האט אליין געמאכט די ברכה און ווען ער ענטפערט 'אמן' באקומט ער נאך א זכות, ער האט אויך די אמן.

דאגעגן דער וואס מאכט די ברכה האט נאר די ברכה, ווייל 'אמן' קען ער נישט ענטפערן ווייל חז"ל זאגן שוין (ברכות מה ב): אז "העונה אמן אחר ברכותיו - הרי זה מגונה", ממילא קומט אויס אז דער 'עונה' שטייט גרעסער פון דער 'מברך'. (שו"ת מבי"ט ח"א סי' קיז; 'פרישה' או"ח קכד ז).

דער יסוד אז דער 'אמן' איז א תוספת אויף די ברכה אליין ווערט שוין געברענגט אין אסאך ספרי ראשונים. דער ראשון רבי דוד אבודרהם (תיקון התפילות ועניניהם) ברענגט עס אראפ בשם רבי אברהם בן שושן, ער שרייבט אז אז ווער עס דאווענט שמונה עשרה און נאך דעם הערט ער אויס די חזרת התפילה פון דער בעל תפילה און ער ענטפערט אויף איר אמן, ווערט עס גערעכענט ווי ער האט געדאווענט דריי זאכן: א. די תפילה פון שמונה עשרה; ב. די חזרת הש"ץ; ג. דער 'אמן' נאך די תפילה פון דער חזן.

## "איזהו מקומה של אמן? דער מקום פון אמן איז קודש קדשים!!"

**מורא'דיגע ווערטער פון דער מקובל האלוקי רבי אהרן הזקן איבער די חשיבות פון אמן:**

"ראה גם ראה אתה, בן אדם, כמה רמזים רזים וסודות מיוסדות על אדני פז, ולהיכן נוטה, ואיזהו מקומה של אמן קדש קדשים... כי תיבת אמן מלא על כל גדותיו, פנים ואחור מעלה ומטה, דכולא ביה. לא יחסר כל בו, מנגלה ומנסתר, פנימי וחיצון, פלא פלאות, מופלאים נעלמים, סודות גדולות הערך, באורך וברוחב, שהן כבשונו של עולם מסתרי תורה, עמוק עמוק מי ימצאנו, מי ימלל גבורת ה' והמשכיל יבין. ואין לנו עסק בנסתרות, וכבוד אלקים הסתר דבר" ('אגרת הטעמים' למקובל האלוקי רבי אהרן הזקן מקרדינא).

### טייערער איד!

שליס זיך אן און זיי אויך פון די אידן וואס האבן זיך אנגעבינדן אין דער עץ החיים' און זענען דבוק אין דער 'אמן'.
פעדער זיך און שטיי אויף פרי און ענטפער 'אמן' נאך די וואס מאכן די ברכה אין שול און דו וועסט זוכה זיין ארויפצוגיין צען מעלות בקודש אמן ואמן.



# דזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### שבת מיט אמן ביידע זענען א רמז צו אמונה אין די גאולה

**"אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם"** (לה א)

**זאגט דער הייליגער 'בת עין':**

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (נג ב) אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך". מען קען מסביר זיין פארוואס טאקע איז דער 'עונה' גרעסער פון דער 'מברך' ווייל די גמרא זאגט דאך אין שבת [קיט ע"ב] אז 'אמן' איז ראשי תיבות "א-ל מלך נאמן".

קומט אויס לויט דעם אז אינדערצייט וואס דער וואס מאכט די ברכה זאגט נאר ארויס פון מויל "א-ל מלך" איז דער 'עונה' אמן גרעסער ווי אים אז ער לייגט צו נאך א שבח צו דיע שבחים, ער לייגט צו די שבח פון "נאמן".

אין די משמעות פון 'נאמן' איז אז הקב"ה איז באגלייבט ביי אונז אז ער וועט אונז אויסלייזן במהרה אזוי ווי זיין הבטחה איז געווען פאר אונז און מיט דעם איז זיין מעלה גרעסער ווי די מעלה פון דער מברך.

ווען הקב"ה האט געגעבן פאר כלל ישראל די מצוה פון שבת האט ער אויך מחייב געווען אין די זעלבע צייט אז מען זאל גלייבן באמונה שלימה אז איין טאג וועט מען ווערן אויסגעלייזט פון גלות.

וועגן דעם איז מרומז אין פסוק די בחינה פון גאולה, ווייל דערווארט "אלה הדברים" באטרעפט כמנין 297 די זעלבע מנין פון אמן מיט די מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן].

### זיבן הונדערט ברכות יעדע וואך

**"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה' כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת"** (לה ב)

אין ספר **'מטעמים החדש'** (ענייני שבת אות כא) שרייבט דער מחבר אז דער וואס איז מקפיד צו מאכן יעדן טאג מאה ברכות איז זוכה אז ענדע פון די וואך זאמלט ער אן גאנצע זיבן הונדערט ברכות.

די צאל זיבן הונדערט ברכות איז מרומז אין 'שבת' ווייל 'שבת' איז די ווערטער: "**ת"ש** [זיבן הונדערט] און די 'ב' איז אויף **ברכות**" און צוזאמען איז שב"ת - ת"ש ברכות.

מיט דער דערהער טייטש **רבי יצחק אברהם שלמה מג'לד** פון די **חכמי באגדאד** די פסוק אין די תורה **"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'**.

עס שטייט **"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה** אז מען רעכענט אויס די גימטריא פון די ווארט **יָמִים** איז עס כמנין מאה.

דאס איז א רמז אויף די מאה ברכות, עס איז ווי דער פסוק זאגט "ששת ימים" אויב איר וועט מקפיד זיין אויף דער "ששת ימים" צו זאגן די מאה ברכות און איר וועט אויך מקפיד זיין אויף דעם "ביום השביעי" די טאג ווען עס איז שווערער אנצוקומען צו די צאל דאן וועט מקויים ווערן דער "יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּ"ת שַׁבָּתוֹן לַה'" - וועט איר אין שבת זוכה זיין צו מאכן די חתימה אויף ת"ש ברכות.

'צלח רכב'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



### דער 'ערוך השולחן'

#### כ"ב באדר תרס"ח

דער גאון רבי יחיאל מיכל אפשטיין איז געבוירן געווארן אין די שטאט בויבאריסק אין רוסלאנד וועלכע איז היינט א טייל פון די לאנד בעלראוס, אין חודש שבט תקפ"ט, צו זיין פאטער רבי אהרן יצחק הלוי.

אין זיינע יונגע יארן האט ער געוואוינט אין די בויבאריסק. דער שטאטס רב, בימים ההם איז געווען רבי אליהו גאלדבערג, א תלמיד פון רבי חיים וואלאזשינער זצ"ל.

דער שטאטס רב האט באמערקט אויף דעם קינד אז ער האט פארמאגט זעלטן גוטע כשרונות און אים גענומען אונטער זיין שוץ און זיך אפגעגעבן מיט אים און אים מדריך געווען בתורה.

נאך זיין חתונה האט מען אים מציע געווען די ערשטע רבנות פאסטן אין די שטאט נאוויזאקוו אין אוקראיינע און ער האט עס אנגענומען. דער רוב פון די איינוואוינער פון די שטאט זענען געווען ליבאוויטשער חסידים און אונטער זייער איינפלוס האט ער איינמאל אונטערגענומען א רייזע קיין ליבוואיטש, צו דער צמח צדק און געוויילט דארט א חודש צייט.

אלע זיינע יארן פלעגט ער רעדן פון יענע יארן מיט א שטארקע בענקעניש.

אין יאר תרמ"ג האט מען איינגעלאדענט צוקומען דינען אלץ רב אין די שטאט נאוואהארדאק און מיט דער תפקיד האט ער אנגעהאלטן פיר און צוואנציג יאר ביז צו זיין הסתלקות.

נאך פון יונגווייז אן האט ער זיך איינגעוואוינט צו לערנען תורה אויף א מסודר'דיגער וועג פון מאכן א סיכום אויף יעדע זאך און עס סארטירן.

מיט דעם שניט האט ער שפעטער מחבר געווען זיין בארימטער ספר 'ערוך השלחן'.

דער ספר 'ערוך השלחן' וועלכער איז נאך ביז היינט אן אויפגעכאפטער ספר ביים כלל ישראל איז געשריבן געווארן אויף די זעלבע סדר פון שלחן ערוך אבער איז מאר פארברייטערט און עס פארמאגט אויך אסאך הוספות פון די לעצטיגע אחרונים וועלכע זענען צוגעקומען במשך די יארן.

דער בעל ערוך השלחן איז נסתלק געווארן כ"ב אדר ב' תרס"ח און ער ליגט אין די שטאט נאוואהארדאק.

א קורצער ליקוט פון פסקים איבער 'אמן'
פון זיין ספר 'ערוך השלחן'

### אין זכות פון 'אמן' ווערט די תפילות נתקבל

דער 'ענטפערן אמן' איז א שטארקער הילף אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן ווי חז"ל זאגן שוין (ברכות נג ב): 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'"(או"ח קל א).

### די הארבקייט פון נישט ענטפערן 'אמן'

"עס פאדערט זיך אז מען זאל ענטפערן 'אמן' נאך יעדע ברכה וואס מען הערט. דאס איז חובה אויף יעדער איינער וואס הערט א ברכה פון א צווייטן. סיי אויב דער וואס הערט האט שוין פריער יוצא געווען די חובה פון תפילה און סיי אויב נישט זאל ער ענטפערן 'אמן'. ווער עס ענטפערט נישט אמן איז עובר אן עבירה גדולה וכלשונו: **ומי שלא ענה אמן עבירה גדולה בידו**".

עס איז דא א מעשה פון איינער פון די גדולים וואס האט געלערנט ביי זיין רבי און א קינד האט געגעסן א פרוכט און געמאכט אויף איר א ברכה און דער גדול האט נישט גענטפערט אמן און דער רבי האט אים נוזף געווען א נזיפה גדולה.

נאר שפעטער האט ער אים מפייס געווען און זיין רבי האט אים מוחל געווען מיט'ן תנאי אז כל ימיו זאל ער ארומגיין רעדן איבער די חשיבות פון אמן און ער האט אים דערציילט א מעשה נורא בענין הזה". (שם רטו א).

### מקיים געווען די מצוה פון 'אהבת ישראל' ווען מען ענטפערט 'אמן'

ווען מען הערט אז איינער מאכט א מי שבירך פאר א צווייטן זאל מען ענטפערן "אמן' נאך די מי שבירך. ווען מען פירט זיך אזוי איז מען מקיים מיט דעם די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך'. מהאי טעמא ענטפערט מען אויך 'אמן' נאך די 'הרחמן' ביי ברכת המזון" (שם רטו א).